# קורצער פרייטאג און שבת הגדול



**קורצער פרייטאָג:** וואָס זאָגט איהר, פּאַ־ניע שבת הגדול צום ענגלישען קעניג, האַ? ער האָט דאָך יאָ געהאַט צו וואָס צו לעבען! א נגידישע דירה, נחת פון קינדער, און פרנסה בריווח.

**שבת הגדול:** פרנסה בריווח? קיין גרויסע גאַזשע האָט ער נישט געהאַט. ער האָט נאָר גענומען 1 פּראָצענט פון אומזאץ.

**קורצער פרייטאָג:** איין פּראָצענט? פון אַזאַ אומזאַץ וואָלט איך מיך מיט אַ האַלבען פּראָצענט אויך בעגניגענט.

---

## יעקעלע ווילקער זאָגט אַזוי:

די לאָדזער אויפגעקומענע מלחמה - נגידים זענען געגליכען צו אַן'אַפּטייק־פלאַי: פון אויבען איז א גאָלדענע אויפשריפט און אינעווייניג איז בלויז רי־ציניאייל.

---

## גרינגער אויפן הארצען

א יוד געהט אין גאַס פערזאָרגט, ווי דער שטייגער באַגעגענט איהם א בעקאַנטער און גיט איהם א פרעגן:

— וואָס מאַכט מען עפּעס?

— עט, מע...

— איך מיין, די געשעפטען ווי גייען?

— הע, וויסיך מע...

— און די קינדערלעך, וואָס מאַכען?

— עט, מע, מע...

— א גוטען טאָג.

— א גוט יאָהר, אַזוי, אַז מען רעדט זיך דורך ווערט טאַקע גרינגער אויפן הארצען.

---

## קורצער און דערפאַלגרייכער.

— מיין זוהן פערדינט אויף זיין לערנען אין אוני־ווערסיטעט דורך שרייבען בריף.

— מיינער שיקט — טעלעגראַמען!

---

## משה בראָדערזאָן און גראַף קאַלי

די טעג קומט גראַף קאַלי אריין אין רעדאַקציע און ווענדט זיך צו משה בראָדערזאָן:

— חבר בראָדערזאָן, באָרגט מיר 50 זלאָטעס ביז מאָרגען, כ'האָב אפילו געקענט בעקומען געבאָרגט ביי א ליכוויאַזש, הייסט זיך יענער געבען 5 זלאָטעס פּראָצענט.

— ווייסט איהר וואָס, גראַף? איך וועל אייך באָרגען די 5 זלאָטעס פּראָצענט, און באָרגט אייך ביים ליכוויאַזש — האָט בראָדערזאָן געענטפערט.

---

## אין פינאַנץ-מיניסטעריום

מיניסטער (צום דעפּאַרטאַמענט - שעף): פּאַניע שעפיע, אפשר וואָלט געווען א פּלאַן איינצופיהרען א לאָך־שטייער. בעשטייערען דאָס לאַכען פון דער בעפעלקערונג.

שעף: ס'איז א קנאַפּ געשעפט. ווייל די פּוילישע בירגער וואָס גלוסט זיך נאָך איצט צו לאַכען, פאָה־רען לאַכען קיין אויסלאַנד.

---

## דער קריזיס און לאָדזער סוחרים

— ווי מיינט איהר, ר' העשיל, דער קריזיס וועט ווייטער האַלטען?

— איך מיין אַז יאָ, ער איז שוין אריין אין דער מאָדע.

---

# האַרץ-קלעמעניש

וועון איהר קויפט אַ רעגען - שירם<br>
און עס הערט אויף דער רעגען;<br>
וועון איהר געהט מיט א געליבטע<br>
און דאָס ווייב קומט אַנטקעגען.

וועון איהר דאַרפט בעצאָהלען שטייער<br>
און עס פעהלט דער ניקעל;<br>
וועון איהר ווילט זיך הענגען און<br>
עס פעהלט אייך אויף א שטריקעל.

וועון איהר ווילט אַ קערטעל,<br>
און איהר האָט קיין געלד נישט;<br>
וועון איהר האָט א בייזע שוויגער<br>
און זי געהט אויף יענער וועלט נישט.

וועון צוליב דעם שכנ'ס פּיאַנאָ<br>
מאַכט איהר צו קיין אויג נישט;<br>
וועון איהר דענקט איהר זענט א שרייבער<br>
און מען ענטפערט: „עס טויג נישט".

וועון איהר האָט ליב די טאָכטער<br>
און מען שדכנט אייך איהר מאַמען<br>
וועון עס ווילט זיך שרייבען מעהר,<br>
נאָר עס פעהלט אויס די גראַמען.

---

# פייטעל און טרייטעל



**פייטעל:** יאָ, יאָ, דער ענגלישער קעניג איז אויך שוין געשטאָרבען.

**טרייטעל:** נו, וואָס איז דען א קעניג? אַז סיגעהט אויס דער פּאַס זאָגט מען אויבען: „פּודוש קובאַ דאָ וואָיסאַי", פּונקט ווי ביי אונז קבצנים.

**פייטעל:** קבצנים, זאָגסטו? קבצנים שטאַר־בען דאָך נישט זיי טוישען נאָר אויס סיגעלענער: דאָ ליגען זיי אין דריערד און דאָרט ליגען זיי אין דריערד.

---

## די קאַץ און די פיש.

בעל־הביתטע (צו דער דינסט): פעלע, דו דער־צעהלסט מיר, אַז די קאַץ האָט אויפגעגעסען די פיש און דו וואונדערסט זיך גאָרנישט?

דינסט: כ'וואָלט מיך געוואונדערט ווען דער פיש וואָלט אויפגעגעסען די קאַץ...

---

## אין „גראַנד" ביי א „פּול טשאַרני"

— וואָס זאָגסטו צו האָזענציינען?

— האָזענציינ? אַנ'אויסוואורף, א לאָבוס — א נאַר נישט. וואָס דו ווערסט אויף איהם זאָגען איז ווייניג.

— ביזט גערעכט, איך בין אין דער זעלבער מיינונג.

— טאַקע? וויפיל ביזטו איהם שולדיג?

---

## אין א פאָלקס - שולע.

א לעהרער פרעגט א שילער:

— זאָג מיר, מיטעקעל, אויב דו בעקומסט פון דיין מאַמעשי 10 עפּעל און פון טאַטעשי 7, וויפיל וועסטו האָבען?

— כ'וועל האָבען גענוג — האָט מיטעקעל מיט א שמייכעל געענטפערט.

---

## איהרע ביטערע טרעהרען.

מאַן: נו, גענוג שוין דאָס וויינען, מיין טייבעלע! לאָז איך וועל דיר אויסווישען דיינע שיינע איינע־לעך... וואו האָסטו דאָס טיכעל?

ווייבעל: אָך, ניין מיין טייערער. קיין טיכעל וועט דאָ גאָרנישט העלפען. צו די טרעהרען דאַרף מען האָבען א גאַנץ זיידען קלייד.

---

# דער קונדס

הומאָר • סאַטירע •

צוזאַמענגעשטעלט פון אַב—נעק •

ביילאַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט" נומער 21 — פרייטאַג, דעם 24 יאַנואַר 1936

## אויף די אוניווערזיטעטן




הערשט שוין „רוהע און פרידן"...

